

# לקוטי שיחות

BACK 2 BASICS

# HOT AND COLD

## פרשת וארא

## Parshas Va’eira

# פרשת וארא

א. ווי מען האָט שוין אַ סך מאָל גערעדט, אַז אַלע ענינים פון תורה, ניט נאָר די דינים נאָר אויך די סיפּורים, זיינען אַ הוראה (אַנווייזונג) — תורה מלשון הוראה — אין יעדער צייט און אין יעדער אָרט, עד סוף כל הדורות. און דאָס איז דער ענין פון נצחיות התורה.

דאָס הייסט, אַז אפילו די דערציילונגען און געשעענישן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַ מעמד ומצב, וואָס איז ניט שייך אין איצטיקע דורות, אָבער מצד נצחיות התורה, זיינען אויך זיי אַ הוראה אין יעדן דור.

אַזוי איז דאָס ביי אַלע סיפּורי התורה, און מכ"ש די סיפּורים וועגן יציאת מצרים.

די מצוה פון זכירת יציאת מצרים איז יעדן טאָג, ווייל דער ענין פון יציאת מצרים איז פאַראַן אין דער רוחניות'דיקער עבודה פון מענטשן יעדן טאָג, ווי דער אַלטער רבי דערקלערט באריכות אין תניא (פמ"ז) און אין תורה אור. איז דאָך זיכער אַז אַלע סיפּורים וואָס די תורה דערציילט וועגן דעם אופן ווי די אידן זיינען אַרויס פון מצרים אין גשמיות, זיינען אַ הוראה אויך אין דעם אופן „יציאת מצרים" אין רוחניות.

דער אָנהויב פון יציאת מצרים איז געווען מיט די עשר מכות, וואָס דורך זיי האָט מען צעבראָכן דעם שטאָלץ פון פרעה און דעם שטאָלץ פון מצרים. דאָס איז דאָך דער תוכן פון היינטיקער סדרה, אין וועלכער עס ווערט דערציילט וועגן די מכות דם, צפרדע כו'.

* * *

...ד. די ערשטע מכה וואָס האָט געבראָכן גלות מצרים איז געווען — דם. די וואַסערן — פון נילוס — זיינען געוואָרן בלוט.

די טבע פון וואַסער איז קאַלט און נאַס [5]). בכלל איז קאַלטקייט אַ היפך פון קדושה, ווייל קדושה איז חיות, לעבעדיקייט, ווי עס שטייט אין אדר"נ [6]): עשרה נקראו חיים, דאָס ערשטע רעכנט ער דאָרט, אַז הקב"ה נקרא חיים, און דערנאָך רעכנט ער אויס אַלע וואָס זיינען באַהעפט צום אויבערשטן. חיות ברענגט מיט זיך חמימות, וואַרעמקייט. אָבער קאַלטקייט איז דער היפך פון וואַרעמקייט און קדושה'דיקער לעבעדיקייט.

דאָס מיינט: די ערשטע זאַך וואָס מ'דאַרף איינברעכן איז — קאַלטקייט, בשעת ס'איז דאָ אַ קאַלטקייט צו קדושה-ענינים, הויבן זיך פון דעם אָן אַלע ענינים וועלכע זיינען אין קעגנזאַץ צו קדושה. און דערפאַר איז די ערשטע מכה געווען אין וואַסער — קאַלטקייט.

ה. אין וועלכע מים איז די מכה געווען? — דערציילט די תורה: „במים אשר ביאור" [7]) — אין די וואַסערן פון טייך נילוס.

אין קאַלטקייט זיינען דאָ צוויי אופנים: א) אַ קאַלטקייט צו ענינים פון וועלט, וואָס דאָס קומט מצד קדושה. ב) אַ קאַלטקייט צו עניני קדושה, וואָס דאָס איז דער אָנהויב פון אַלע קליפּות, כנ"ל.

---

5) זע רמב"ם הלכות יסוה"ת פ"ד ה"ב.

6) פל"ד, י.

7) זע זהר חלק ב' כח, ב.

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Beginning | אנהויב |
| Through them | דורך זיי |
| Break | צעברעכן |
| Pride | שטאלץ |
| Today's | היינטיקער |
| First | ערשטע |
| Waters | וואסערן |
| Nile | נילוס |
| Became blood | זיינען געווארן בלוט |
| Cold | קאלט |
| Wet | נאס |
| אדרא דר' נתן | אדר"נ |
| He counts there | רעכנט ער דארט |
| Afterwards | דערנאך |
| Attached | באהעפט |
| Warmth | ווארעמקייט |
| This means | דאס מיינט |
| Break into | איינברעכן |
| In opposition | אין קעגנזאץ |
| Therefore | דערפאר |
| In which | אין וועלכע |
| River | טייך |
| Two | צוויי |
| World | וועלט |
| Like mentioned previously | כנ"ל (=כנזכר לעיל) |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Like | ווי |
| Already | שוין |
| Spoke many times | א סך מאל גערעדט |
| That all | אז אלע |
| Not only | ניט נאר |
| Are | זיינען |
| Lesson | אנווייזונג |
| Every time | יעדער צייט |
| Every place | יעדער ארט |
| Eternity | נצחיות |
| This means | דאס הייסט |
| Stories | דערציילונגען |
| Events | געשעענישן |
| Connected | פארבונדן |
| Situation | מעמד ומצב |
| Present | איצטיקע |
| All the more so | מכ"ש (=מכל שכן) |
| Regarding | וועגן |
| Day | טאג |
| Since | ווייל |
| Exists | איז פאראן |
| Explains at length | דערקלערט באריכות |
| Certain | זיכער |
| Went out | זיינען ארויס |

1. As we have mentioned many times previously, every single detail that is mentioned in the Torah, contains eternal lessons that are relevant to every person. Interestingly, this does not only apply to the commandments found within the Torah, but also to every single story and detail which is cited in the Torah. Although it may seem that a certain aspect is connected to a specific situation that may no longer be relevant, there are still lessons to be learned.

2. This is especially applicable regarding Yetzias Mitzrayim. The Alter Rebbe explains in Tanya that the Mitzvah of remembering the Exodus from Egypt every day, refers to the spiritual Avodah of leaving one's own spiritual limitations. Everything that the Torah tells us about Yetzias Mitzrayim, is a direct lesson as to how we are meant to succeed in surpassing our self imposed boundaries. Yetzias Mitzrayim was initiated by the ten plagues, through which the pride of Mitzrayim was shattered. We will now explain the spiritual significance of the first two plagues, blood and frogs, and their relevance in a Jews personal Avodah.



אַזוי זיינען אויך פאַראַן צוויי סאָרטן מים: א) מים וואָס קומען מלמעלה, ווי עס שטייט: למטר השמים תשתה מים, וואָס דאָס איז קרירות פון קדושה. ב) מים שמתחת לארץ — קרירות דקליפה.

דאָס וואַסער פון טייך נילוס, איז געווען פון דער דרגא הב׳. דערפאַר שטייט [8]) ביים נילוס דער לשון עולה לקראתו, ווייל דאָס קומט ניט מלמעלה נאָר פון די מים שמתחת לארץ.

און די מי נילוס, ד. ה. די קאַלט־קייט צו קדושה, דאָס איז געווען די ע״ז פון מצרים, וואָס פון דעם האָבן זיך גענומען אַלערליי שלעכטס. דער־פאַר, בשעת מען האָט אָנגעהויבן ברעכן דעם גאון — שטאָלץ — פון מצרים, האָט מען די ערשטע זאַך געבראָכן די מי היאור — ענין הקרירות.

ו. וואָס איז געוואָרן פון די וואַ־סערן? זיי זיינען געוואָרן דם — בלוט. דם איז חיות, לעבעדיקייט, ווי עס שטייט כי הדם הוא הנפש. „ויהפכו כל המים אשר ביאור לדם״, אַנשטאָט די קאַלטקייט איז געוואָרן לעבעדי־קייט, דמיני ובי׳ אבא לשדי׳ בי׳ נרגא [9]).

דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס ביים אָנהויב שטייט [10]), אַז דאָס וואַסער איז איבערגעאַנדערשט גע־וואָרן לדם „ביבשת״, ולכאורה, וואָס איז נוגע צו מוסיף זיין דעם וואָרט ביבשת? נאָר דער ענין איז: ווייל טרוקעניש, יבשה, האָט ניט אין זיך אַפילו די מעלה פון פייכטקייט — דביקות, און דער אויפטו איז געווען, אַז אַפילו אין טרוקעניש זאָל אויך זיין חיות.

* * *

...ט. די צפרדע איז געקומען אויף צו שלאָגן דעם גאַנצן געביט פון פרעה, וואָס דאָס מיינט די קדושה׳־דיקע קאַלטקייט צו ענינים פון גש־מיות און חומריות.

און דאָס איז דער ענין, וואָס די צפרדעים זיינען געגאַנגען „בתנוריך ובמשארותיך״, ד. ה. זיי זיינען גע־גאַנגען לעשן די היץ און די פאַל־שע געהויבנקייט פון קליפה. וואָ־רום אויך אין לעומת זה איז פאַראַן דער ענין פון וואַרעמקייט.

כאָטש מען האָט פריער גערעדט אַז קליפה איז קרירות, קאַלטקייט, פונדעסטוועגן, כדי עס זאָל קענען זיין דער ענין הבחירה, מוז קליפה האָבן עפּעס אַ צוגלייך צו קדושה, לכל הפחות כקוף בפני אָדם (ווי אַ מאַלפּע צו אַ מענטש), דערפאַר איז אויך אין קליפה פאַראַן דער ענין פון היץ — דער קאָך אין עניני עולם הזה.

י. די הוראה — אָנווייזונג — פון דעם אין עבודה איז:

בכדי פטור צו ווערן און אַרויס־גיין פון מצרים דלעומת זה,

(על דרך זה איז אויך דער אופן היציאה פון מצרים דקדושה, עבודה שעל פי טעם ודעת. אָבער נוגע בעיקר איז דאָך דער אַרויסגיין פון מצרים

8) אגדת בראשית פמ״ב. פירש״י עה״ת בראשית מז, י.

9) סנהדרין לט, ב. (כ״ה הלשון בתניא. ובגמרא ניז״ל בי׳ נרגא).

10) שמות ד, ט.

# CLASSICAL CONCEPTS

3. During the first plague, the water of the Nile River was transformed into blood. Water, in its natural state, is cold. Coldness represents the opposite of holiness, being that holiness is always connected to life which brings warmth together with it. This is a clear indication that the first step in a person's journey out of his own "Mitzrayim" is to remove any traces of "coldness" (ie apathy) towards holiness. If a person is void of passion for קדושה, it will lead him to all other sorts of קליפה associated with Mitzrayim.

4. The Torah tells us that the plague of blood was targeted at the water of the Nile River. Regarding indifference, there are two ways that it may occur. The first one is when a person feels no excitement towards worldly and mundane matters; this feeling stems from קדושה. The second one is when a person feels no excitement towards matters of holiness; this feeling stems from קליפה. Similarly, there are two types of water; water that descends from above. This represents the holy coldness. And, water that arises from below, which represents the unholy type of indifference. The Nile was comprised of water that arose from below. This indicates that it represents coldness to holy and G-dly matters, which is the source for all other matters of קליפה. For this reason, the first step in destroying Mitzrayim was removing all feelings of "coldness" towards קדושה.



# טײַטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Accomplishment | אויפטו | Varieties | סארטן |
| In order to strike | אויף צו שלאגן | Coldness | קרירות |
| The entire domain | דעם גאנצן געביט | Rose to greet him | עולה לקראתו |
| Went | געגאנגען | Since | ווייל |
| In your ovens and your stoves | בתנוריך ובמשארותיך | Rather | נאר |
| Put out the heat | לעשן די היץ | This means | ד.ה. (=דאס הייסט) |
| False haughtiness | פאלשע געהויבנקייט | עבודה זרה | ע"ז |
| Because | ווארום | Were taken from | גענומען |
| Although | כאטש | All forms of bad | אלערליי שלעכטס |
| Spoke previously | פריער גערעדט | Became | געווארן |
| Nevertheless | פונדעסטוועגן | Instead | אנשטאט |
| It should be able to be | עס זאל קענען זיין | From the forest itself is taken the axe wherewith to fell it | דמיני ובי' אבא לשדיי' בי' נרגא |
| Free choice | בחירה | With this | דערמיט |
| Must | מוז | With this | אויך פארשטיין |
| Some similarity | עפעס א צוגלייך | Also understand | איבערגעאנדערשט |
| Monkey | א מאלפע | On dry land | ביבשת |
| Heat | היץ | Dry land | טרוקעניש |
| To become exempt | צו פטור ווערן | Dampness | פייכטקייט |
| Go out | ארויסגיין | Connection | דביקות |

דלעומת זה)

דאַרף מען אַריינטראָגן אַ וואַ־רעמקייט און אַ לעבעדיקייט אין עניני הקדושה, וואָרום דער אַנהויב פון כל מיני רע איז קרירות, — קאַלטקייט.

עס קען זיך דוכטן: וואָס איז אַזוי דער רעש אַז מען האָט ניט קיין קאָך אין קדושה, מען טוט דאָך ניט קיין פאַרקערטע זאַכן, איז ווען מען אַרט דאָס אַז מען האָט ניט קיין קאָך אין קדושה?

דאַרף מען וויסן, אַז עס איז ניט ווי מען מיינט, אַז מען קען זיין ניט אַהין און ניט אַהער (ניט קאָכן זיך אין קדושה, און אויך ניט קאָכן זיך אין עניני רע), וואָרום אויב מ'איז קאַלט צו קדושה איז סוף סוף וועט מען ליגן אין טומאת מצרים, ר"ל.

און דערפאַר לייגט דער יצה"ר אַזוי פיל כחות מיט השתדלות אויף אָפּקילן אַ אידן ער זאָל ניט נתפעל ווערן פון אלקות, אַז אפילו בשעת ער זעט אַ נס ומופת גלוי, קומט דער יצה"ר צו אים און טענה'ט מיט אים אַיין: וואָס האָסטו וואָס צו נתפעל ווערן פון דעם, דו אַליין גלויבסט דאָך, אַז אַלע ענינים קו־מען פון דעם אויבערשט'ן און דער אויבערשטער איז אַ כל יכול, וואָס לגבי אים האָבן אַלע עולמות ניט קיין באַטרעף, איז דאָך פשוט אַז ביי אים האָבן קיין באַטרעף ניט דריי אותיות און ער קען איבערבייטן פון צירוף אותיות „חמץ" אויף צירוף אותיות „שמן", ומי שאמר לשמן וידליק הוא יאמר לחומץ וידליק[16], היינט וואָס דאַרפסטו נתפעל ווערן און אַרויסגיין פון די כלים?

די כוונה פון דעם יצה"ר איז צו אָפּקילן אים פון אַ ג־טלעכער הת־פעלות און פועל'ן אין אים אַ קרי־רות צו קדושה, וואָס דאָס איז אַ מקור אויף טומאת מצרים.

דערפאַר דאַרף מען געדענקען אַז די ערשטע זאַך וואָס מען דאַרף טאָן אויף פטור ווערן פון „מצרים" איז — „דם", אַנהויבן קאָכן זיך און לעבן אין די ענינים פון קדושה.

און פונקט ווי מען דאַרף פועל'ן בײַ זיך די וואַרעמקייט אין קדושה — דם, אַזוי דאַרף מען אויך פועל'ן ביי זיך די קאַלטקייט צו עניני העולם — צפרדע, וואָס דאָס זיינען אויך די צוויי תנועות פון סור מרע — צפרדע, ועשה טוב — דם, און דורך די צוויי תנועות וענפיהם גייט מען אַרויס פון מצרים.

יא. בכלל איז דער סדר העבודה, פריער סור מרע און דערנאָך ועשה טוב. לויט דעם באַוואוסטן משל, אַז בשעת מען וויל מאַכן אַ דירה פאַר אַ מלך בשר ודם, איז די ערשטע זאַך דאַרף מען אויסראַמען אַלע שמוציקע זאַכן כו', און ערשט דעמאָלט קען מען אַריינשטעלן שיינע כלים און מאַכן עס פאַר אַ דירה ראוי' למלך.

דאָס איז אַ סדר מלמטה למעלה. אָבער מלמעלה למטה איז אַ פאַר־קערטער סדר, פריער ועשה טוב און דערנאָך סור מרע, דאָס הייסט מען

16) תענית כה, א.

# CLASSICAL CONCEPTS

5. Not only was the feeling of coldness removed, but it was completely transformed into blood which represents life, warmth and excitement towards קדושה. This is why the Torah makes a point to inform us that this transformation also occurred "on dry land". Dry land is a step further down than water, being that it lacks even the moisture that exists in cold water. Moisture represents the ability to connect with other substances i.e. holiness. During the plague of blood, even cold and dry matter was transformed into excitement and warmth.

6. The second plague, frogs, was there to create the very opposite effect: to bring about coldness into Egypt. Frogs are cold-blooded animals that live in the cold water. Hashem plagued Mitzrayim with frogs in order to "cool down" their excitement and passion for worldly and physical matters. This is why the Torah tells us that the frogs entered into the Egyptians ovens, being that the ovens represent the heat and excitement the Egyptians had. Although generally קליפה is associated with coldness, there is also an element of excitement within Klipa that must be destroyed.

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Combination | צירוף |
| Vinegar | חמץ |
| And he who commanded oil and it burned will command vinegar and it will burn | ומי שאמר לשמן וידליק הוא יאמר לחומץ וידליק |
| Recognize | געדענקען |
| Just like | פונקט ווי |
| And their branches | וענפיהם |
| First | פריער |
| Turn away from evil | סור מרע |
| According | לויט |
| Known | באוואוסט |
| Want to make | ווילן מאכן |
| The first thing | די ערשטע זאך |
| Clear away | אויסראמען |
| All dirty things | אלע שמוציקע זאכן |
| Insert | אריינשטעלן |
| Beautiful | שיינע |
| Opposite | פארקערטער |

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| Carry/bring in | אריינטראגן |
| Seem | דוכטן |
| The excitement | דער רעש |
| Opposite things (bad) | פארקערטע זאכן |
| Who does it bother | וועמען ארט דאס |
| Like one thinks | ווי מען מיינט |
| Not here and not there | ניט אהין און ניט אהער |
| If | אויב |
| Involve | ליגן |
| יצר הרע | יצה"ר |
| Effort | השתדלות |
| Cool off | אפקילן |
| He should not get excited | ער זאל ניט נתפעל ווערן |
| He sees | ער זעט |
| What do you have | וואס האסטו |
| You yourself believe | דו אליין גלויבסט דאך |
| No value | ניט קיין באטרעף |
| He can change | ער קען איבערבייטן |



7. The lesson to be learned from all of the above, is that if a person is attempting to leave his own Mitzrayim, as is demanded of him, then he must make every effort to infuse his Avoda with warmth, passion and excitement. Additionally, he must remove any trace of indifference. A person may think; so long as I am not doing anything

איז מגלה מלמעלה גילויים נעלים ביותר, וואָס פועל׳ן אַז מען איז סור מרע.

און וויבאַלד אַז די מכות זיינען דאָך געקומען מלמעלה, דערפאַר איז פריער געווען דם — „ועשה טוב״, און דערנאָך צפרדע — „סור מרע״.

יב. הגם אַז דאָס איז אַ סדר פון מלמעלה למטה, אָבער וויבאַלד אַז אַלע סיפורים פון תורה זיינען אַ הוראה פאַר אַלע דורות בעבודתנו — כנ״ל, איז דאָס אויך אַ הוראה אַז עס דאַרף אויך זיין אַ סדר פון אָנהויבן מיט ועשה טוב.

און ווי דער רבי מהר״ש האָט געזאָגט: „די וועלט זאָגט אַז מ׳קען ניט אַרונטער דאַרף מען אַריבער, און איך האַלט אַז מ׳דאַרף לכתחילה אַריבער״.

עס דאַרף אויך זיין אַ סדר פון גיין לכתחילה העכער, מגלה זיין ריבוי אור, וועט שוין דער חושך נדחה ווערן בדרך ממילא.

יג. מעין זה איז אויך דער חי־לוק פון גליא דתורה מיט פנימיות התורה. מצד גליא דתורה איז אַ סדר בדרך מלמטלמ״ע, מן הקל אל הכבד. מצד פנימיות איז אַ פאַר־קערטער סדר, מען הויבט אָן באַלד מיט אור. ובפרט בדורות האחרונים, איז מען מגלה פנימיות התורה צו אַלעמען, און מען שטעלט ניט די תנאים און מען פאַרלאַנגט ניט די הכנות וועלכע מען האָט געדאַרפט האָבן אַמאָל צו אָנהויבן לערנען פנימיות התורה. היינט לערנט מען פנימיות התורה מיט אַלעמען — הפצה דוקא. און לויט דעם באַוואוסטן משל פון אַלטן רבי׳ן וועגן דעם איידלשטיין אין דעם מלך׳ס קרוין.

און דאָס איז דער וועג אויף אַרויסגיין פון מצרים — דער וועג פון אָנטפּלעקן און פאַרשפּרייטן פּני־מיות התורה, אָנהויבן מיטן קאָך און חיות דקדושה — „דם״, דאַן וועט קומען דער דחיית הרע — דאָס אַוועקשטויסן די שלעכטס.

— און אַז שלש קליפות הטמאות ווערן נדחה אינגאַנצן פון זיין גבול, — במילא[17]) האָט קליפּת נוגה אַן עלי׳ —

וואָס דורך דעם וועט מען פועל׳ן די גאולה הפּרטית בנפשו, און דער־נאָך אויך די גאולה הכללית, דכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, במהרה בימינו.

(משיחת ש״פ וארא, תשח״י)

יד. עס איז באַוואוסט, אַז די פיר לשונות של גאולה — פון היינטי־קער סדרה — והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי, זיינען כנגד די ד׳ גאולות, פון גלות מצרים ושאר הג־ליות. דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז דער לשון „והבאתי״ איז דאָס אַן עלי׳ יותר אין דער גאולה דלעתיד לבוא, וואָס בכלל טיילט עס זיך אויף ימות המשיח און חד חרוב וכו׳.

פון דעם וואָס אויך דעם פינפטן לשון האָט דער אויבערשטער גע־זאָגט ביי גאולת מצרים, איז פאַר־שטאַנדיק אַז אָנפאַנגענדיק פון יצי־את מצרים, האָט זיך שוין אָנגעהויבן

---

17) תניא פל״ז.

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Then he is forced to go over | דארף מען אריבער | Which affects | וואס פועל'ן |
| I hold | איך האלט | Since | וויבאלד |
| From the onset he should go over | לכתחילה אריבער | Came | געקומען |
| Will be pushed away | נדחה ווערן | It also has to be | עס דארף אויך זיין |
| Automatically | בדרך ממילא | Beginning | אנהויבן |
| | | If one cannot go under (an obstacle) | אז מ'קען ניט ארונטער |

wrong, who cares if I am not excited about serving Hashem? A person must recognize that if he is not excited about Holy matters, then he will eventually end up being involved and excited in matters of קליפה. This is why the Yetzer Hara places a special emphasis on trying to convince a Jew that he should not become excited regarding G-dly matters, even miracles. The Yetzer Hara tries convincing a Jew that if it is true that Hashem is indeed Infinite, then any miracle that He does, is nothing to get excited about. The intention of the Yetzer Hara, is to dampen the flames of excitement a person usually experiences regarding G-dly matters. If the Yetzer Hara is successful in his endeavours, this will lead the person to become involved in many other undesirable matters. This is why a person must recognize that he must always make a conscious effort to prevent himself from becoming "cold" and unexcited about his Avoda. And, just like he must maintain a "warm" feeling towards matters of holiness, he must also make an effort to remain "cold" to mundane matters.

8. The Avoda of a person to be "warm" and excited regarding קדושה, is within the realm of עשה טוב - proactive good. And, the Avodah of removing all excitement from worldly matters, is within the realm of סור מרע - turning away from evil. Although generally the order is that first one must remove all bad from within and then he can begin to bring good into himself, in this case, such a principle would not apply. When a person is using the power within himself, he must first remove the dirt in order to bring about the holiness. But, being that the plagues came from Hashem, the holiness within them contained the power to automatically remove the evil, and therefore it was not necessary to first experience the סור מרע before the עשה טוב. Hence, the plague of blood preceded that of frogs.

9. We learn from this order of the plagues, that a person must sometimes begin with doing good, even before he feels he has fully removed any undesirable trait within himself. Through a person's positive actions, he will draw down a tremendous amount of light, which will automatically push away any darkness that may exist within him.



דלעומת זה)

דאַרף מען אַריינטראָגן אַ וואַרעמקייט און אַ לעבעדיקייט אין עניני הקדושה, וואָרום דער אָנהויב פון כל מיני רע איז קרירות, — קאַלטקייט.

עס קען זיך דוכטן: וואָס איז אַזוי דער רעש אַז מען האָט ניט קיין קאָך אין קדושה, מען טוט דאָך ניט קיין פאַרקערטע זאַכן, איז ווען אַרט דאָס אַז מען האָט ניט קיין קאָך אין קדושה?

דאַרף מען וויסן, אַז עס איז ניט ווי מען מיינט, אַז מען קען זיין ניט אַהין און ניט אַהער (ניט קאָכן זיך אין קדושה, און אויך ניט קאָכן זיך אין עניני רע), וואָרום אויב מ'איז קאַלט צו קדושה איז סוף סוף וועט מען ליגן אין טומאת מצרים, ר"ל.

און דערפאַר לייגט דער יצה"ר אַזוי פיל כחות מיט השתדלות אויף אָפּקילן אַ אידן ער זאָל ניט נתפעל ווערן פון אלקות, אַז אפילו בשעת ער זעט אַ נס ומופת גלוי, קומט דער יצה"ר צו אים און טענה'ט מיט אים איין: וואָס האָסטו וואָס צו נתפעל ווערן פון דעם, דו אליין גלויבסט דאָך, אַז אַלע ענינים קומען פון דעם אויבערשטן און דער אויבערשטער איז אַ כל יכול, וואָס לגבי אים האָבן אַלע עולמות ניט קיין באַטרעף, איז דאָך פשוט אַז ביי אים האָבן קיין באַטרעף ניט דריי אותיות און ער קען איבערבייטן פון צירוף אותיות „חמץ" אויף צירוף אותיות „שמן", ומי שאמר לשמן וידליק הוא יאמר לחומץ וידליק[16]), היינט וואָס דאַרפסטו נתפעל ווערן און אַרויסגיין פון די כלים?

די כוונה פון דעם יצה"ר איז צו אָפּקילן אים פון אַ ג־טלעכער התפעלות און פועל'ן אין אים אַ קרירות צו קדושה, וואָס דאָס איז אַ מקור אויף טומאת מצרים.

דערפאַר דאַרף מען געדענקען אַז די ערשטע זאַך וואָס מען דאַרף טאָן אויף פטור ווערן פון „מצרים" איז — „דם", אָנהויבן קאָכן זיך און לעבן אין די ענינים פון קדושה.

און פונקט ווי מען דאַרף פועל'ן ביי זיך די וואַרעמקייט אין קדושה — דם, אַזוי דאַרף מען אויך פועל'ן ביי זיך די קאַלטקייט צו עניני העולם — צפרדע, וואָס דאָס זיינען אויך די צוויי תנועות פון סור מרע — צפרדע, ועשה טוב — דם, און דורך די צוויי תנועות וענפיהם גייט מען אַרויס פון מצרים.

יא. בכלל איז דער סדר העבודה, פריער סור מרע און דערנאָך ועשה טוב. לויט דעם באַוואוסטן משל, אַז בשעת מען וויל מאַכן אַ דירה פאַר אַ מלך בשר ודם, איז די ערשטע זאַך דאַרף מען אויסראָמען אַלע שמוציקע זאַכן כו', און ערשט דעמאָלט קען מען אַריינשטעלן שיינע כלים און מאַכן עס פאַר אַ דירה ראוי' למלך.

דאָס איז אַ סדר מלמטה למעלה. אָבער מלמעלה למטה איז אַ פאַרקערטער סדר, פריער ועשה טוב און דערנאָך סור מרע, דאָס הייסט מען

16) תענית כה, א.

# טייטשן
# TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט |
|---|---|
| The intention | די כוונה |
| of the Yetzer Horo is | פון דעם יצר הרע איז |
| to cool him off | צו אפקילן אים |
| from an excitement in G-dliness | פון א ג-טלעכער התפעלות |
| and cause in him | און פועל'ן אין אים |
| a coldness | א קרירות |
| to holiness. | צו קדושה. |
| (Which) This is a source | וואס דאס איז א מקור |
| for the impurity of Mitzrayim. | אויף טומאת מצרים. |
| Therefore, | דערפאר |
| one must recognize | דארף מען געדענקען |
| that the first thing | אז די ערשטע זאך |
| which one must do | וואס מען דארף טאן |
| in order to free himself | אויף פטור ווערן |
| from "Mitzrayim" (קליפה) | פון "מצרים" |
| is "blood" - | איז - "דם", |
| begin to strongly involve himself with warmth | אנהויבן קאכן זיך |
| and "live" | און לעבן |
| in the areas of holiness. | אין די ענינים פון קדושה. |
| And just like he must | און פונקט ווי מען דארף |
| affect within himself | פועל'ן ביי זיך |
| the warmth | די ווארעמקייט |
| in holiness - | אין קדושה |
| "blood", | -דם, |
| so too he must | אזוי דארף מען אויך |
| affect within himself | פועל'ן ביי זיך |
| the coldness | די קאלטקייט |
| to matters of the world- | צו עניני העולם - |
| "frogs". | צפרדע, |
| (Which) These are | וואס דאס זיינען |
| the two motions | אויך די צוויי תנועות |
| of removing himself from evil - | פון סור מרע - |
| "frogs", | צפרדע, |
| and proactively doing good - | ועשה טוב - |
| "blood" | דם, |
| And through | און דורך |
| these two motions | די צוויי תנועות |
| and their branches | וענפיהם |
| he goes out | גייט מען ארויס |
| from Mitzrayim. | פון מצרים. |



# R KNOWLEDGE!

4. **WHAT** do these two מכות teach us regarding our own personal attempt to leave our own מצרים?

____________________________________________________________

____________________________________________________________

____________________________________________________________

5. **WHAT** is סור מרע? **WHAT** is עשה טוב? **AND** which one generally comes first?

____________________________________________________________

____________________________________________________________

____________________________________________________________

6. **WHEN** would be an exception to this rule? **WHY**?

____________________________________________________________

____________________________________________________________

____________________________________________________________

# ND COLD

# SHOW OFF YOU

1. **WHAT** does it mean to “leave Mitzrayim” in the realm of Avodah?

___________________________________________________________________

___________________________________________________________________

___________________________________________________________________

2. **EXPLAIN** what the מכה of blood was accomplishing? **WHY** was it targeted at the Nile?

___________________________________________________________________

___________________________________________________________________

___________________________________________________________________

3. **WHAT** was the מכה of frogs accomplishing?

___________________________________________________________________

___________________________________________________________________

___________________________________________________________________

HOT A



# NOTES:

# NOTES:

לעילוי נשמת

מרת לאה שרה בת משה ע"ה

לסיום השלשים

**ר"ח שבט**

ת.נ.צ.ב.ה.

BACK 2 BASICS

Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© B2B SICHOS COVER: LEIBEL KRINSKY טײטש'ן & CONCEPTS: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON

TO SPONSOR, OR TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT B2BSICHOS@GMAIL.COM